# מײַן מאַמע־לשון

לעווין קיפּניס

ביז דרײַ יאָר בין איך געווען אַ שטומער. „שטומע־לעלע״ האָט מען מיך גערופֿן. דאָך האָב איך גערעדט, גערעדט אויף שטום־לשון...

נאָך דרײַ יאָר האָב איך מיט אַ מאָל אָנגעהויבן רעדן – אויף מאַמע־לשון!

מאַמע־לשון מיט דער מאַמען, מיט מײַנע ברידער און שוועסטער, מיט מײַנע חבֿרים, מיט אַלעמען. געלערנט אין ׳חדר׳ „קאָמעץ־אלף – אָ,״ און געכאַפּט שמיץ פֿונעם רבין אויף מאַמע־לשון:

– אַ יינגעלע זאָל ניט זײַן קיין שייגעץ!...

פֿינף יאָר אַלט האָב איך שוין געלערנט „חומש״[1] מיט אַ חומש־לשון:

„ורוח – און דער גײַסט, אלוהים – פֿון גאָט, מרחפֿת[2] – האָט געשוועבט...״
„האָדם – און דער מענטש, ידע – האָט באַוווּסט, את – נון, חוה – חאַוועץ״
„ויאמר – האָט געזאָגט, אלוהים – גאָט, ישרצו –[3] זיי זאָלן ווידמען...״

און אַקדמות־לשון:

„אַקדמות...[4] איידער איך הייב אָן, מילין – צו ריידן, ושריוּת – און איך באַגער, שותא – צו שפּרעכן...״ וואָס ס׳באַטײַט „באַגער״ – האָב איך זיך אָנגעשטויסן, אָבער וואָס איז „שפּרעכן״ האָב איך דווקא יאָ געוווּסט: „אָפּשפּרעכן אַ גוט־אויג...״

כ׳האָב נישט ליב געהאַט דעם חומש־לשון.

---

[1] Pentateuch [2] hovered [3] let them swarm [4] preamble

דערפֿאַר ערבֿ־פּסח, ווען מען לערנט „שיר־השירים,“[1] האָט מײַן מאַמע־לשון אויפֿגעלעבט און זיך געזונגען:

„שיר – אַ געזאַנג, השירים – פֿון אַלע געזאַנגען. דאָס געזאַנג איז חשובֿער פֿון אַלע געזאַנגען. אַן אַנדער געזאַנג האָט געזונגען אַ מלך, און דאָס געזאַנג האָט געזונגען אַ מלך[2] בן־מלך! אַן אַנדער געזאַנג האָט געזונגען אַ נבֿיא,[3] און דאָס געזאַנג האָט געזונגען אַ נבֿיא בן־נבֿיא! אַן אַנדער געזאַנג האָט געזונגען אַ צדיק,[4] – און דאָס געזאַנג האָט געזונען אַ צדיק בן־צדיק! אשר – וואָס לשלמה – צו גאָט, וואָס דער שלום פֿון דער וועלט איז זײַנער...“

אַ גרויס געזאַנג פֿון ריינעם־שיינעם מאַמע־לשון, באַפּוצט מיט עטלעכע לשון־קדושדיקע ווערטער.

אַ מלך, אַ נבֿיא, אַ צדיק איז דאָך אויך מאַמע־לשון...

און ווײַטער:

„זאגט די כּנסת־ישׂראל צו גאָט: ישקני – הלוואַי וואָלט מיך גאָט קושן, מנשיקות – פֿון די קישינג, פּיהו – פֿון זײַן מויל...“

„ישקני – קושן“ – ס'איז דאָך די זעלבע אותיות!

„עלמות[5] – יונגפֿרויען, דודיך[6] – דײַן פֿרײַנדשאַפֿט, קדר[7] – טאָטער.“

אין עק שטעטל האָט געוווינט אַ טאָטער מיט אַ טאָטערקע. אַרום זייער שטוב איז געווען אַ גרויסער סאָד פֿון ווײַנשל, עפּל, באַרן און קרײַטעכצער[8]... מיר, קליינוואַרג, האָבן מורא געהאַט זיך דערנענטערן. אַ טאָטער איז דאָך ווי אַ ציגײַנער וואָס כאַפּט קליינע קינדער... אָבער פּאָרלעך פֿון יונגע־מאַנען מיט יונג־פֿרויען פֿלעגן שבת גיין אַהין שפּאַצירן.

און די פּסחדיקע זון האָט געשײַנט, און ווינטלעך האָבן געבלאָזן, און פֿייגעלעך האָבן געפּישטשעט[9] און מײַן מאַמע־לשון איז געווען אַזוי שיין, אַזוי ליב, אַזוי שיר־השירימדיק...

איך בין שוין אַ זיבן יאָריקער בחור, לערן שוין גמרא.[10] די גמרא איז געווען אַ גרויסע, די שורות[11] געדיכטע, דער רש"י־כּתבֿ – קליינינקע אותיותלעך, און דער רבי אַ בייזער, אַ שלעגער...

לערנען מיר גמרא, מסכת גיטין.[12]

[1] Song of Songs [2] king [3] prophet [4] saintly or just person [5] maidens [6] your love [7] Kedar [8] herbs [9] chirped [10] Talmud [11] lines [12] tractate dealing with divorce

„השולח גט לאשתו[1] – אַז ראובֿן שיקט אַ גט פֿון זשיטאָמיר צו זײַן װײַב קיין באַרדיטשעװ דורך אַ שליח, שמעון, אויך פֿון זשיטאָמיר, גייט שמעון פֿון זשיטאָמיר מיטן גט קיין באַרדיטשעװ צו דער װײַב פֿון ראובֿן פֿון זשיטאָמיר װאָס װוינט אין באַרדיטשעװ...״

מיר, ייִנגלעך, האָבן פֿאַרבלאָנדזשעט צװישן זשיטאָמיר און באַרדיטשעװ, און דער רבי שלאָגט, און מיר װיינען, און מאַמע־לשון װיינט מיט אונדז צוזאַמען...

מײַן עלטערע שװעסטער האָט אַרײַנגעבראַכט אין שטוב שאָמערס[2] ראָמאַנען, געגעסן מיט זיי, געשלאָפֿן מיט זיי און געשמאַק געװיינט... איך האָב אַרײַנגעגנבֿעט אַ קוק אין די ביכלעך און זיך שוין נישט געקענט אָפּרײַסן... פֿון דער גמרא האָב איך זיך אַ ביסל אָפּגעריסן און געלייענט שאָמערן װען דער טאַטע האָט נישט געזען, שפּעטער האָבן זיך באַװיזן ספּעקטאָרס דערציילונגען און נאָך אַזוינע, ביז שלום־עליכם איז אונגעקומען אין שטעטל מיטן „טעפּל״[3] מיט תּבֿיהן – דאָס שטעטל האָט אָנגעהויבן לאַכן!

אונדזער שטוב – אַ פֿרומע שטוב, מײַן טאַטע איז אַ חזן, פּייסי דער חזן. שבת בײַם עסן, לעבן דעם טעלער, איז שטענדיק געװען אָפֿן אַ ספֿר, „ליקוטי צבֿי,״ און צװישן יויך און ראָסלפֿלייש פֿלעגט דער טאַטע אַרײַנקוקן אין ספֿר, און אַ מאָל אויך „געזאָגט״ עפּעס. דאָס זעלבע צװישן ראָסלפֿלייש און קאָמפּאָט. זה השולחן אשר לפֿני ה׳,[4] בײַם טיש דאַרף מען זאָגן דבֿרי תּורה. פֿלעגט ער פֿרעגן די ייִנגלעך װאָס זיי האָבן געלערנט אין „חדר״ – האָב איך זיך אָנגענומען מיט מוט, און נאָכן צימעס געלייענט אויף אַ קול שלום־עליכמס אַ מעשׂהלע. דער טאַטע – די אויגן האָט ער געהאַלטן אין ספֿר, אָבער זײַנע אויערן האָבן זיך שטאַרק צוגעהערט צו דער מעשׂהלע. אַלע אַרום טיש האָבן געשמאַק געלאַכט, דער טאַטע האָט געשמייכלט און געזאָגט: „אַ ליץ איינער!״

און דאָס איז שוין געװאָרן אַ מנהג.[5] אַלע שבת הערן שלום־עליכמען. עונג שבת. איך האָב געלייענט, װײַזט אויס, מיטן גאַנצן האַרצן, און מײַן מאַמע־לשון האָט געקװעלט.

[1] “if a man sends a divorce writ to his wife” [2] nom-de-plume of M.R. Shaykevitsh, author of more than 100 popular books [3] one of Sholem-Aleykhem’s best-known Monologues [4] This is the table that stands before the Lord (Ezek. 41:22) [5] custom

מײַן שטעטל איז געשלאָפֿן, שטאַרק געשלאָפֿן, זיך אויפֿגעכאַפּט און זיך ניט דערקענט, די אינטעליגענץ רעדט רוסיש דעמאָנסטראַטיוו, בית־מדרש בחורים זענען געוואָרן ציוניסטן און ברעכן די ציינער צו רעדן העברעיִש. אַפּילו ייִדישע מיידלעך האָבן געלערנט תּנ״ך,[1] אַ סגולה צו אַ שידוך[2], אַ האַלבער נדן.[3] פֿונעם „חדר״ איז געוואָרן אַ „חדר מתוקן״[4] – עבֿרית בעבֿרית.

ייִדיש האָבן צווישן זיך גערעדט די ייִדן אין שול בײַם דאַווענען און אין קלייט בײַם געשעפֿט. די ווײַבער האָבן באַפּוצט זייער ייִדיש מיט רוסישע ווערטער – מאַמע־לשון איז אַראָפּגעפֿאַלן, מאַמע־לשון איז זשאַרגאָן... אַ בושה צו רעדן...

אין איין שיינעם טאָג „דערשײַנט״ אין שטעטל אַ שיינער בחור, פֿון דער גרויסער שטאָט געקומען, מיט אַ ווײַסער טוזשורקע,[5] מיט אַן אויסגענייטן קאָלנער, פֿאַרגאַרטעלט מיט אַ שנור – אַ סאָציאַליסט. געקומען צו האַלטן אַ „רעפֿעראַט פֿאַר דער יוגנט.״ שיין איז ער געווען, אַ שטים – אַ רייצנדיקע, און אַ צונג – אַ שאַרפֿע. ער האָט אָבער ווייניק גערעדט וועגן סאָציאַליזם, ער איז גיך אַריבער חוזק צו מאַכן פֿון העברעיִש, פֿון „לאָקשן־קדוש.״ אויב ניט רוסיש – דאַרף מען רעדן ייִדיש. ייִדיש איז אונדזער פֿאָלקסשפּראַך. אָט איז געווען אַ קאָנפֿערענץ אין טשערנאָוויץ, און דער גרויסער שרײַבער פּרץ האָט גערעדט, און מען האָט באַשלאָסן אַזוי און אַזוי...

איך בין געווען אַ פֿאַרברענטער העברעיִסט... געגרינדעט קורסן צו לערנען און רעדן עבֿרית. איך האָב שוין געשריבן עבֿרית און אויך געדרוקט שירים אין דער קינדער־צײַטונג „הפרחים.״

איך בין געוואָרן אַ גרויסער קענער פֿון ייִדיש...

פֿאָרט אַ ייִד קיין ארץ־ישׂראל...

אויף דער שיף האָט מען אונדז פֿון אָדעסער קאָמיטעט געגעבן אַ קליין ביכעלע, זיך אויסצולערנען רעדן אַראַביש... „סאַלאַם אַליכום, קיף חאַלאַק, וואַחעד, טינין, טאַלאַטע...״

[1] the Hebrew scriptures [2] a way of making a match [3] dowry [4] modern
[5] double-breasted jacket

אין גאַנץ ארץ־ישׂראל איז געווען אַ קליין ביסעלע ייִדן. אין תּל־אָבֿיבֿ זענען געווען צוויי אָדער דרײַ גאַסן מיט דעם שיינעם בנין פֿון דער גימנאַזיע „הרצליה.‟

אין תּל־אָבֿיבֿ האָט מען גערעדט עבֿרית און מער רוסיש, און אַ ביסל ייִדיש. די תּלמידים פֿון דער גימנאַזיע האָבן אין די גאַסן געטיילט צעטעלעך: „עבֿרי, דבר עבֿרית.‟

אין ירושלים האָט מען גערעדט אויף אַלע זיבעציק שפּראַכן: פֿרענקיש, אַראַביש, טערקיש, פֿראַנצייזיש, ענגליש און אַזוי ווײַטער. און אויך ייִדיש און אַ ביסל עבֿרית. בן־יהודה[1] האָט נאָך דעמאָלט אַרויסגעגעבן זײַן צײַטונג. בײַ די חסידים און אין זייערע „ישיבֿות‟ האָט מען גערעדט נאָר ייִדיש. איך האָב געוווינט אין אַ שטוב, וווּ מען האָט גערעדט אַ גאַליציאַנער ייִדיש.

פּלוצעם איז אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה. מיר, אין ארץ־ישׂראל, האָבן ווייניק־וואָס געליטן פֿון דער מלחמה אַליין, אָבער מיר זענען אויסגעשטאַנען גרויסע צרות פֿון דער טערקישער רעגירונג און געליטן הונגער. דאָס לאַנד איז געווען פֿאַרשפּאַרט – אין יוצא ואין בא.[2] פֿון תּמיד איז די „חיונה‟[3] פֿונעם לאַנד, פֿאַר ייִדן בעיקר, געקומען פֿון חוץ־לארץ,[4] פֿון תּרומות[5] פֿון דער גאַנצער וועלט. מיר האָבן געליטן אַ סך. געווען אַ סך הונגער־קרבנות.

און דווקא אין די שלעכטע יאָרן האָט עבֿרית אויפֿגעלעבט. ס׳האָבן זיך געעפֿנט שולן און גני־ילדים[6] אויף עבֿרית, עטלעכע גימנאַזיעס און אַ פּאָר סעמינאַרן פֿאַר לערערס און גננות. איך האָב אָנגעהויבן שרײַבן לידער און דערציילונגען פֿאַר קליינע קינדער, דאָס לאַנד האָט זיך צעזונגען פֿון „ראָש־פּינה ביז קאָסטינה‟ אויף עבֿרית – אין דעם פּרט האָט ארץ־ישׂראל געבליט, געוואַקסן פֿון זיך אַליין, אויך עבֿרית „שׂיגשׂגה.‟

די וועלט־מלחמה האָט זיך געענדיקט מיט באַלפֿורס דעקלאַראַציע. ייִדן האָבן אָנגעהויבן ביסלעכווײַז קומען קיין ארץ־ישׂראל. ייִדישע ייִדן, אָבער גלײַך זענען זיי געוואָרן עבֿריתדיק. ווען שלום אַש איז געקומען און גערעדט פֿאַרן קהל ייִדיש, האָט מען אים שיין אויפֿגענומען, אָבער אַז זשיטלאָווסקי[7] איז

[1] Eliezer Ben-Yehuda: leading figure in renaissance of modern Hebrew
[2] no entrance and no exit [3] source of income [4] abroad [5] tithes
[6] kindergartens [7] Chaim Zhitlovsky (1865-1943)

געקומען מאַכן פּראָפּאַגאַנדע פֿאַר ייִדיש, האָט מען אים נישט געלאָזט עפֿענען דאָס מויל.

נאָך דער שואה,[1] האָט ייִדיש זיך באַזעצט אין לאַנד מיט אַ טאָגצײַטונג, מיט זשורנאַלן, מיט טעאַטער פֿאָרשטעלונגען און נאָך און נאָך. בקיצור – לעבן זאָל ייִדיש אין ארץ־ישׂראל לאַנד!

פֿרײַטיק אויף דער נאַכט, אָדער שבת־צו־נאַכטס פֿאַרזאַמלען זיך גוטע פֿרײַנד אויף אַ „מסיבה,"[2] גוטע פֿרײַנד פֿון דער צווייטער און דריטער עליה.[3] מען פֿאַרברענגט בײַ אַ גלעזעלע ווײַן און לעקעך־געבעקס, מען קנאַקט פּיסטאַשקעס און מען דערציילט אַנעקדאָטן. און אויב אַנעקדאָטן – איז נאָר אויף ייִדיש. אַ וויץ ניט אין ייִדיש האָט גאָר קיין טעם ניט. און תּמיד געפֿינט זיך אַ זינגער אָדער אַ זינגערין וואָס הייבן אָן זינגען „ישׂמחו השמים" און מען גייט גלײַך אַריבער צו ייִדישע פֿאָלקסלידער און אַלע העלפֿן אונטער און מען באַלעקט זיך מיט „רייזעלען," „אַבֿרהמעלע מלמד," „מיקיטקאַ," אויך „קאָרנבלימעלעך" ביז איציק מאַנגערס „רבנו תּם."

און מען גיט אַ קרעכץ:

– אַך, ווי זיס, ווי האַרציק איז מאַמע־לשון!...

צענדליקער יאָר אין ארץ־ישׂראל איז מײַן מאַמע־לשון געשלאָפֿן – און פּלוצעם האָט עס זיך אויפֿגעכאַפּט!

דורך אַ צופֿאַל האָב איך געזען אַ נומער פֿון „קינדער־זשורנאַל" וואָס גייט אַרויס אין אַמעריקע, דאָרטן איז געדרוקט מײַנע אַ מעשׂהלע „ציגעלע קאַפּיגעלע," איבערגעזעצט פֿון י. גויכבערג. שיין איבערגעזעצט. איך לייען און האָב הנאה. און אָט ווי איך לייען, גיט מיר עפּעס אַ פּיק... מײַן מאַמע־לשון פּיקט מיר: „אַנו, פּרוּוו, מײַן קינד, איבערזעצן דײַנס אַ זאַכעלע פֿון עבֿרית"!

זעץ איך זיך אַוועק איבערזעצן מײַנס אַ זאַכעלע פֿון עבֿרית אויף מאַמע־לשון. זעצט זיך נישט... ס'שרײַבט זיך גאָר... און גאָר אַנדערש ווי אין עבֿרית... און ס'שרײַבט זיך אַזוי לײַכט, אַזוי קלאָר. איך וווּנדער זיך, פֿון וואַנען קומען צו מיר די ייִדישע ווערטער וואָס יאָרן־לאַנג האָב איך זיי ניט גערעדט, ניט

[1] Shoah [2] party, get-together [3] wave of emigration to Palestine

געהערט, אַפֿילו אין זינען ניט געהאַט. עפּעס ווי שמעטערלינגען,[1] פֿייגעלעך, טײַבעלעך קומען זיי צו פֿליִען און צאַפּלען זיך, און בעטן זיך בײַ מיר: „נעם מיך! כאַפּ מיך! שרײַב מיך אַרײַן אין דער מעשׂהלע...״

שרײַב איך אָן „די קליינע פּאַלמעס״ און שיק צום „קינדער־זשורנאַל.״ ענטפֿערט מיר גלײַך: „ס׳איז שיין, שיקט נאָך!״ שרײַב איך זיי „נפֿתּלי גייט אין שולע״ – ווילן זיי נאָך. שיק איך זיי „דער מאַראַנץ,״ „אַ זים יאָר,״ „שקדיהם געבורטסטאָג,״ „אַ מיידעלע ירדנה און אַ ציגעלע אַ קליינע,״ און נאָך און נאָך... ליפּע לעהרער, דער רעדאַקטאָר, שיקט קאָמפּלימענטן מײַן מאַמע־לשון. אויך י. קאַמינסקי פֿירט מיר אַרײַן אין „קינדער־זשורנאַל״ און שרײַבט ליבע־בריוו צו מײַן מאַמע־לשון. דאָס זעלבע מיט „אַרגענטינער ביימעלעך,״ און איך שרײַב און שיק און דרוק – כ׳האָב „ארץ־ישׂראלדיק״ געמאַכט אַלע קינדער־זשורנאַלן און קינדער־ווינקלען...

אין יאָר 1961 גייט אַרויס אין פֿאַרלאַג „מתּנות״ מײַן בוך „אונטערן טייטלבוים.״ אויפֿן עפֿן־בלאַט שרײַב איך: „צום אָנדענק פֿון מײַן מאַמע רחל – מײַן ערשט בוך אין מאַמע־לשון.״

מײַן מאַמע האָט געקענט לייענען אין טײַטש־חומש „צאינה־וראינה״ נישט מער, אָבער זי פֿלעגט רעדן מיט גראַמען...

מײַן ערשט בוך... נישט מער... דער צווייטער, דריטער און נאָך און נאָך ליגן פֿאַרשטעקט, פֿאַרשעמט ערגעץ אין אַ שופֿלאָד. זיי וועלן זען אַ מאָל שײַן?

און ס׳ווילט זיך שרײַבן, ס׳בעט זיך שרײַבן, דאָס מאַמע־לשון בענקט, דערמאָנט זיך אין די גוטע צײַטן, און ס׳וויינט זיך.

שרײַבן... פֿאַר וועמען? „הבה־לי בנים!״ האָט געטענהט רחל אימנו... נישטאָ קיין קינדער פֿאַר מײַן מאַמע־לשון...

וואָס זאָל איך טאָן פֿאַר דיר, מאַמע־לשון, מײַנס? זאָל איך זיך זעצן אויף אַ קליין בענקעלע און דיר באַקלאָגן, באַוויינען? זאָל איך אָנשרײַבן אַן „איכה ישבֿה״[2] מיט פּסוקים נאָכן סדר פֿון אלף־בית און אַרײַנגיסן אין די טרערן די בעסטע, שענסטע ווערטער פֿון מײַן מאַמע־לשון?

[1] butterflies [2] “Alas! Lonely sits the city” (Lamentations 1:1)

ניין! נאָך ניט באַוויינען! וואָס זשע זאָל איך טון מיט מײַנע איבערגעבלי־בענע ייִדישע ווערטער?

פֿון מײַנע אַלטע ייִדישע ווערטער איז געבליבן אַ ביס־ביסעלע
גלעט איך זיי, קוש איך זיי, פֿאַרשלים איך זיי אין אַ גאָלדן נס־ניסעלע
„לויף־לויף, ניסעלע, קאַטשע זיך, קײַקל זיך ביז עק וועלט־וועלטעלע,
באַרג־אַרויף, באַרג אַראָפּ, וואַלד־אײַן, וואַלד־אויס צו אַ ייִדיש
[געצעלטעלע„

אַלע מײַנע פֿאַרבליבענע ווערטער פֿאַרשלאָסן אין גאָלדן ניסעלע;
הויך־הויך אין קלאָרן לויטערן הימל אויסשטרעקן זײַן ווײַס־צאַרט פֿליגעלע
און פֿאַרווינגן מײַן שליסעלע – אײַ־לי־ליו־לי – ווי אין אַ קינדס וויגעלע

און אפֿשר וועט דער ליבער מלאך שוועבן־פֿליִען מיטן גילדן שליסעלע –
פֿליר־פֿלי – צום ייִדיש־געצעלטעלע, און עפֿענען דאָס נס־ניסעלע,
וועלן אַלע מײַנע ייִדישע ווערטער־ווונדער, ווונדער, ווונדערלעך
אויפֿלעבן, אויפֿקלינגען אויף חן־ליפּעלעך פֿון ייִדישע קינדערלעך!

אפֿשר...

באַאַרבעט און צוגעגרייט פֿון לעאָנאַרד פּראַגער, מירל שײַנהויט־הירשמאַן, יאַנניס כאַראַלאַמבוס, נח מילער, און רפֿאל פֿינקל.

Typeset by Atelier Fluxus Virus
http://www.fluxus-virus.com